# תשורה

משמחת הנישואין של

**מנחם מענדל ויוכבד**

שיחיו

**מישולבין**

***כ"ה אדר ה'תשע"ה***

***יום הולדת הרבנית הצדקנית נ"ע***

לד. טענה'ט ער אז ער וויל ניט ארויסגיין פון די אייגענע ד' אמות און גיין צו אנדערע אידן!

זעט מען אבער אז ווען עס קומט צו גיין שפאצירן, איז ער זיך ניט מסתפק צו גיין שפאצירן נאר אויף זיין אייגענער גאס, נאר ער דארף דוקא גיין אויך אויף א צווייטן גאס, ביז אז ער דארף גיין שפאצירן דוקא איז מרכז העיר!

און עד"ז ווען ער דארף קויפן א טיכל, קען ער דאס ניט קויפן אבי וואו, וואו זיינע שכנים קויפן זייערע טיכלעך, נאר ער דארף זיי באווייזן אז ער גייט צו מקום פלוני, וואס דאס איז דוקא א מקום רחוק פון וואו ער וואוינט, און דארטן קויפן א טיכל, ווארום קויפן א טיכל וואו אלע אנדערע קויפן זייערע טיכלעך איז אינו לפי כבודו, ער מוז האבן א טיכל מיט וואס צו רייבן זיין נאז דוקא ממקום פלוני!

איז בשעת דו גייסט צו יענער שכונה שפאצירן אדער קויפן א טיכל אדער טאן א געשעפט וכיו"ב - געפין די אידן וואס זיינען דארטן און רעד מיט זיי אז זיי זאלן לערנען תורה.

און דער אופן הדיבור איז ניט, אז דו ביסט דער משפיע און דו קומסט טאן א טובה אנדערע אידן, און דערנאך ווערן אן אנפירער פון א "סטאדע" פון אידן און אנפירן מיט זיי מיט א שטעקן.

ווארום ערשטנס טאר מען אזוי ניט רעדן, און צווייטנס: מ'זעט בפועל אז מיט אזא צוגאנג טוט מען אויף פונקט פארקערט ווי מ'וויל אויפטאן.

נאר די עצה דערצו איז צום אלעם ערשטן דארף מען אוועקווארפן דעם שטעקן, און אפילו אויב מ'קען דאס אויף אים ניט פועל'ן, זאל ער עכ"פ באהאלטן דעם שטעקן.



# פתח דבר

מתוך שמחה והודאה להשי"ת על כל הטוב אשר גמלנו, ובחסדו הגדול זיכנו בנישואי צאצאינו, החתן הרב מ' מנחם מענדל שי', עב"ג הכלה מרת יוכבד תחי', ביום השני, יום הבהיר כ"ה אדר תשע"ה,

הננו בזה להביע תודה וברכה לידידנו ומכרינו אשר הואילו לשמוח אתנו יחדיו, ביום שמחת לבבנו, ולברך את צאצאינו שיחיו בברכת מזל טוב וחיים מאושרים בגשמיות וברוחניות.

כהבעת תודה לבבית, והוקרה לכל הנוטלים חלק בשמחתנו, הננו מגישים בזה "תשורה" מיוחדת לזכרון טוב, כמנהג אשר נהג כ"ק אדמו"ר מהוריי"צ נ"ע בעת חתונת כ"ק אדמו"ר והרבנית הצדקנית מרת חיה מושקא זי"ע.

מוקיריהם ומכבדיהם,

יוסף יצחק וצפורה מישולבין<br>וועסט בלומפילד, מישיגין

אהרן ושרה העכט<br>ס. פרנסיסקו, קאליפורניא

# דברים אחדים

ב״ה.

אשרינו מה טוב חלקנו שבראנו אלקינו תחת נשיאות כ״ק אדמו״ר זצוקללה״ה נבג״מ זי״ע בדור השביעי, שעל ידו הולך ונשלם תכלית בריאת העולם. (ד״ה באתי לגני תיש״א).

ומה נעים גורלנו שזוכים אנו לראות במו עינינו חלק גדול מיושבי תבל יודעים ומכירים ומוקירים שמו של כ״ק אדמו״ר.

עבודה זו של דור השביעי בתקופתנו אנו, מסורה לכאו״א מישראל לעשותה וכפי שאמר כ״ק אדמו״ר בפורים תשמ״ז ש״הענין עבר מ״הנשיא הוא הכל״ אל ״הכל״ [אף שהטעם אינו מפני המעלה כי ״כל עוד הי׳ הענין ד״הנשיא הוא הכל״ וכל אנשי הדור היו מסורים אליו אפשר הי׳ לצאת י״ח עי״ז ולומר שהענין שייך לנשיא הדור בלבד״ (התוועדות הנ״ל). ואף שכבר בי׳ שבט תיש״א אמר מפורש אז יעדערער דארף אליין טאן און איר זאלט נישט נעמען קיין פייגעלאך אין בוזעם. יש ליישב בדוחק ששם הוא באופן דנהג בה טובת עין ובתשמ״ז באופן דהוחלט בעצמותו. ועדיין צ״ע כי שם אמר שהוא שלא כפי רצוננו ואכ״מ] ועבודה זו נעשית לכל לראש ע״י שלוחיו הק׳, ובכללות ע״י כל עדת החסידים (ועיין היום יום ל׳ אדר א׳) ובכללות יותר ע״י כל ישראל, ע״י מעשה אחד ואפילו דיבור אחד.

וזאת היא מטרת שלוחי כ״ק אדמו״ר להכין את חלקם בעולם לבואו של המשלח, ״גרייטן צו די וועג אז עס זאל זיין ואני (דער משלח ממש, ניט שלוחו כמותו) אבוא אחריכם״ (ש״פ וישלח תשמ״ז).

וכמ״ש בהדרן על הרמב״ם תשמ״ו:

ענינו של משיח הוא (לא בכדי לתקן את העולם, אלא) ענין בפ״ע - ״מלך מבית דוד״. וענין ביאת משיח (בעולם) . . הוא, שיומשך ויתגלה בעולם מלך המשיח (שהוא למעלה מענין תיקון העולם), אלא שכתוצאה מזה ״יתקן (גם) את העולם כולו״, שגם העולם יהי׳ בשלימות, עד אשר ״מלאה הארץ דעה את ה׳ כמים לים מכסים״.

והנה אף שעיקר העבודה בדור השביעי הוא מעשה בפועל - המעשה הוא העיקר, וסוף מעשה עלה במחשבה תחלה, מ״מ מבואר בדא״ח (ד״ה שמח תשמח רנ״ז ועוד) שמעשה לבד אינו מגיע בעצמותו ית׳ ממש וממילא אינו תכלית הכוונה, כי תכלית הכוונה הוא שיהי׳ התחתון דירה לעצמותו ית׳, ודוקא מעשה הנעשית מתוך שמחה ולא שמחה סתם אלא שמחה ממה שעושה נח״ר לפניו ית׳, דוקא שמחה זו מגעת למעלה מעלה, וגורם שיתענג הקב״ה בדירתו בתחתונים, וא״כ מוכרח הדבר שירגיש העובד שבמעשיו גורם הוא נח״ר למעלה, כי מבלי זה לא יעשה את עבודתו מתוך שמחה, וגם אם ישמח בלעדו, אין זו שמחה מכוונת, וכמו״כ מוכרח העובד להכיר את אדונו כדי לדעת למי הוא גורם נח״ר.

בנוסף לזה, היות ומעשה זו אינה חטיבת עצים אלא מילוי כוונת המאציל, וקיום שליחותו של הנשיא, וכנוס ע״ג ענק זכינו להיות המכים בפטיש לגמור דירתו ית׳ בתחתונים, מובן שצריך שליחות זו להעשות כראוי וכדבעי, ועוד והוא העיקר מתוך חיות ותענוג (כפי שחוזר ומדגיש כ״ק אדמו״ר ריבוי פעמים) - ולא חיות של חג״ת שהוא התלהבות גרידא של מדת האהבה עד״מ בלי הסבר מדוע הוא אוהב ובלי ידיעה ברורה מה הוא אוהב, אלא חיות הבא מתוך הבנה והשגה ברום ערכו של שליחות זו (וכמשנ״ת בארוכה בהתוועדות ח״י אלול תש״מ).

ובזה יובן מפני מה האריך כ״ק אדמו״ר בשיחותיו בביאור ענינו של יום וענינו של

# כיבוש העולם

## פורים תשמ"ז

ובפרטיות:

בימינו, אפשר לגשת לאינו־יהודי ולגלות לו שהקב״ה נתן לבני נח שבע מצוות שבהם תלוי יישוב העולם, וגם במקום שאין אפילו יהודי אחד יכולה להתקיים הכוונה ד״לשבת יצרה״[109] ע״י קיום ז׳ מצוות בני נח שניתנו מאת הקב״ה (״סופער־ביאינג״), ע״י משה רבינו, ואין בזה שום חשש של סכנה, ואפילו לא חשש דחשש.

ואדרבה — ע״י זה פועלים נשיאת חן אצל אלו שמדברים אתם אודות קיום המצוות דבני נח, כיון שהם רואים שמתכוונים לטובתם כו׳, ועד כדי כך שבכמה פעמים ההשפעה על מישהו מאוה״ע לקיים המצוות דידהו היתה השביל והדרך שעל־ידם קיבל היהודי סיוע בפרנסתו הגשמית בעוה״ז הגשמי, בפשטות.

## ראה תש"מ

לג. איך האב באקומען פון כו"כ מקומות אז מ'האט שוין בפועל איינגעשטעלט כמה שיעורים, און מ'האט שוין אנגעהויבן לערנען בפועל.

עס ווייזט אבער אויס אז מ'פארשטייט ניט וואס די כוונה איז - די כוונה איז אז מ'זאל דאס טאן מיט א ברייטער פארנעם!

ד.ה. ניט נאר פועל זיין אויף זיך אין דעם אייגענעם ד' אמות צו לערנען תורה, נאר אויך צו ארויסגיין אין גאס און פועל'ן אויף יעדער איינער וואס מ'קען מיט אים קומען אין דערגרייכונג אז ער זאל זיך אוועקזעצן לערנען תורה.

דאס וואס מ'האט גערעדט איז ניט נוגע נאר צו א חוג מסויים פון אידן, נאר צו אלע אידן: צו א ליטוואק, צו א גאליציאנער, צו א ליובאוויטשער, צו א חסיד און א מתנגד, צו ווייסע און שווארצע, צו א ספרדי און אן אשכנזי, און צו יעדן אידן בכל מקום שהוא, ווארום צו יעדן אידן איז אפגעגעבן געווארן די גאנצע תורה.

אבער בכדי צו דערגרייכן צו די אלע אידן דארף מען ארויסגיין פון די אייגענע ד' אמות און זוכן אידן אין אנדערע ערטער און דאס מציע זיין צו זיי.

## יט כסלו תשי"ט

אז אמת טאקע די וואס פארן אוועק אין נוארק, איז דאס אויכעט חוצה, און מאנטריאל איז דאך ווייטער נאך מיט אזוי פיל קילאמעטאר, איז דארט איז דאס אויך חוצה, אבער תכלית הכוונה איז אז אהין צו וואו מען פארט וואס איז נאך מער רחוק ביז "אינם יודעים מגדולת המלך", און דארטן טוט מען אויף און מען ברעכט דורך א וועג אויף דערנאך אהין צו אראפ ברענגן די מעינות במילואם ובשלימותם מיט כו"כ מאנ"ש.

## ויקהל תשמ"א

ע. וואס דאס אלץ איז אין ענינני רשות; עס קומט אבער אויך אזוי ארויס אפילו אין שליחות: ער לויפט ארום און זוכט דוקא א שליחות וואס זאל זיין געזאלצן!

דארף ער וויסן זיין אז ס'איז "שלוחו של אדם כמותו", און ער האט ניט קיין אייגענע הענט, און ניט קיין אייגענע הארץ, און ניט קיין אייגענע קאפ, און ניט קיין אייגענע פוס - עס איז אלץ דעם משלח'ס, ווארום שלוחו של אדם כמותו,

און דער משלח כ"ק מו"ח אדמו"ר, שיקט אים צו מאכן א דירה לו ית' בתחתונים, און ער דארף נאר צולייגן אן אצבע קטנה, וואס אויך דאס איז דעם משלח'ס.

און ניט ער זאל ווען דוקא א שליחות מיט זאלץ, וואס פריער איז ביי אים די שליחות תפל (מיט א תי"ו, (ניט געזאלצן)), און דערנאך ווערט עס ביי אים ח"ו טפל (מיט א ט').

ובנ"ל אלץ הויבט זיך אן דערפון וואס פריער זאלצט ער צו די מאכלי שבת, און דערנאך קומט עס ארויס ביז אין שליחות,

ווארום עס ווערט די התגברות פון דעם נה"ב.





כל דבר בעולם, דלכאורה המסקנא בד״כ דומה לשלפניו - שיש להוסיף בלימוד התורה וקיום מצוותיה, הוספה באין ערוך וכו׳ וכו׳.

ויתירה מזו יש להקשות, דאם כל מה שנשאר לדורנו הוא הפועל ממש, א״כ מדוע טרח כ״ק אדמו״ר לבאר ולהסביר כלל וכלל, והי׳ לכאורה מסתבר יותר שיודיע לנו את עשרת המבצעים, ויוסיף הוראות חדשות מזמן לזמן, וילכו החיילים ע״פ ההוראות ויכבשו את העולם.

אך הענין הוא שבביאור יחודו של קביעות היום וקישורו לשיעורי היום וכל מאורעות היום, הוריד והסביר החיות אלקי שנתחדש ביום ההוא מפני קביעותו וכו׳ (אשר עד דורנו זה, הייתה התחדשות החיות בכ״י ענין רוחני ומופשט השייך לאמונה וברכת המחדש בטובו) והמחיש והסביר חיות זה באופן שיחיה בפועל את עבודת כאו״א מישראל ומהם ועל ידם פעולת כל יושבי תבל.

ולה״ד לשני בנ״א הראשון מאמין בהשגחה פרטית בכל לבו וממילא מאמין למשל ששיעורי חת״ת דיום זה שייכים לתוכן היום ומחיים ומדריכים את הנהגת היום, ומ״מ אמונה זו לא יועיל לו מאומה, והוא באמונתו לבדו יחיה. והשני מבין ומשיג מהו שייכות השיעור חומש לעניני היום ומה הם ההוראות הנלמדות מהם, הנה השני חי את ההשגחה פרטית במדו״מ בשכלו ומדותיו בעבודתו וכל מעשיו, ואינו דומה מעשה הנעשה מתוך חיות זה, למי שמקיים הוראות כי כן כתוב בס׳ המנהגים.

ועד״ז בכל הענינים המבוארים בהרחבה בשיחות כ״ק אדמו״ר, שעי״ז הם שמחים ומאירים.

והדרך הישרה לכל זה הוא לימוד התוועדויותיו של כ״ק אדמו״ר בשלימותם בין מתוך הכתב אותיות מחכימות, וכש״כ ע״י שמיעה וראיה (ההתוועדויות של ימי החול), וכפי שביאר כ״ק אדמו״ר בתשד״מ שהקלטה הוא דוגמא של אין סוף בעוה״ז הגשמי והמוגבל, כי כל פעם ששומעים אותו - הוא באותו החיות בו נאמר בפעם הראשונה.

ודוקא בהתוועדות בצורתה כנתינתה מסיני רואים איך שכ״ק אדמו״ר מחיה כל פרט בתורה וכל פרט בעבודת האדם ממודה אני עד ברכת שהכל נהיה בדברו, ודוקא בהתוועדות בצורתה כתבניתה רואים הצוגאנג של כ״ק אדמו״ר לכל דבר, דהיינו לא רק המסקנא וההוראה בחיים אלא גם את סלילת הדרך בנבכי העולם גדול והעולם קטן עד שבא להמסקנא בפועל.

וכידוע שעי״ז שרואים איך שהרב נושא ונותן בלימוד עד שמגיע להמסקנא דוקא מזה יתלמד התלמיד בעצמו איך לגשת לדבר שכל, ועד״ז בעניננו, כדי שכ״ק אדמו״ר יחנך אותו באופן שבמקצת עכ״פ יהיה בחייו כפי אשר מחונך של תורת כ״ק אדמו״ר צריך להיות, נחוץ הדבר שיבין וישיג לא רק את הוראות כ״ק אדמו״ר אף שהם עיקר הכוונה, אלא גם את כל סדר ההשתלשות עד עולם העשיה.

ביחד עם זה מובן בפשטות שהצלחת המחנך תלוי בזה שהמקבל והמחונך ידע שאכן אליו מכוונים הדברים - מ׳מיינט טאקע עם אליין (כלשון כ״ק אדמו״ר בכ״מ), ויקח את הדברים אליבא דנפשי׳, דהיינו שגם כשכ״ק אדמו״ר מדבר ע״ד מיהו יהודי או שלימות הארץ והדומה והוא הקטן מה בידו לעשות, אעפ״כ ברור שהכוונה באמירת הדברים הוא, אז טאקע ער הצעיר בישראל ידע אודות זה, וכדברי כ״ק אדמו״ר בש״פ נצו״י ה׳תש״מ: יעדער איינער דארף זיך פארשטעלן ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר רעדט די אלע ענינים נאר צו אים אליין,

# דברים אחדים

און קיין צווייטער שטייט ניט דערביי, און דער "אים אליין" איז טאקע יעדער איינער כפשוטו.

און ער אליין איז דער דורך וועמען כ"ק מו"ח אדמו"ר וויל דורכפירן די כוונה אין די ענינים אויף וועלכע ער האט זיך מוסר נפש געווען.

והנה תורת כ"ק אדמו"ר רחבה היא מני ים, ומצודתה פרוסה על כל החיים, ובאה באופנים שונים, יש מהן הכתובים על ידי המלך, ויש מהם הכתובים ביד המלך עצמו, ויש מהן החתומים בטבעת המלך, וכל א' מהן יש בה מעלה מיוחדת, והתוועדויות כ"ק אדמו"ר שהשקיע אלפי שעות באמירתם, ואלפי שעות בהכנתם [ולהעיר מהמסופר שבלילה קודם אמירת הדרן הי' כ"ק אדמו"ר פוסע רצוא ושוב כל הלילה] הם חלק גדול מתורתו וחלק מיוחד מהשפעתו והדרכתו וכנ"ל.

ולזאת קאתינא להטעים להקורא מפירות הפרד"ס זעיר שם זעיר שם, ענינים קצרים שמצאתי בהם דבר חידוש בתוכנם או בסגנונם, ואינם מפורסמים כ"כ, ושיערתי שיעניין את הקורא.

וכל כולו אינו אלא להעיר על ה"רוב טובה" הגנוז בהתוועדויות כ"ק אדמו"ר.

בליקוט זה ישנם ט"ז חלקים מהתוועדויות שונות:

א-ד: פועל ממש - עשיה לעילא. שעניננו להיות הידים והרגלים של הנשיא לקרב עוד נפש אחת מישראל. ועבודה זו מתבטאת בענינים פשוטים ביותר כאמירת גוט מארגן ליהודי זה.

ה-ו: הנהגת השליח - מצד השני היות ואנחנו עמך וצאן מרעיתך צריכים אנו לגרום שלדור ודור יסופר תהלתך, באופן שהנהגת היד והרגל לא יבייש את הראש - הנשיא.

ז-ט: חינוך - אל תבט אל מראהו. חינוך הילד אחרי התיישבות מתונה ולא לפי השקפה הראשונה, ההשתדלות בחינוך הילדים באותו המרץ והזהירות שדואגים שיקבלו shots,בברכת שנ"ב ע"י קטן ליגן די העכסטע ענינים.

י-יא: חינוך הבנות - בהנעגל וואסער שליד מטתה ניכר גם בשעת השינה שבת ישראל היא, היום שבנות מחליטות בעצמן על זיווגן ואינן סומכות על דעת אמותיהן אינו מספיק זכות הנש"ק של האם, וצריכים הן זכות עצמן; והוא עוד טעם שידליקו הבנות נש"ק.

יב-יד: מקום שליחותו - עשיר שהביא מנחת עני לא יצא - עיקר השליחות הוא במקומות הרחוקים, מהו רחוק, עד שיבוא משיח יהיו מקומות לעבודת השליחות.

טו -טז: כיבוש העולם - כיבוש כל העולם כולו פשוטו כמשמעו.

המלקט.

# מקום שליחותו

## וישלח תשמ"ז

וכמובן ופשוט, אז וויפל "שלוחים" עס זיינען שוין פאראן בעולם — זיינען נאך דא געגנט ערטער אין "חוצה" וואו צדק ויושר און אידישקייט האבן נאך ניט דערגרייכט, אדער אפילו אין די ערטער וואו עס האט דערגרייכט — איז דאס נאך ניט בתכלית השלימות, אזוי אז דער משלח אליין קען נאך ניט דארט אליין קומען, והראי' — אז ער איז דארט נאך ניט געקומען, און די גאולה איז נאך ניט געקומען!

ו"איני מבקש כו' אלא לפי כחן"[11] — וויבאלד אז נשיא דורנו זאגט אן אז דאס איז מצות הדור, האט מען זיכער כחות אויף דעם. ואין הדבר תלוי אלא ברצון.

## וארא תשמ"ז

ובהתאם לכך, יש לשלול גם בנוגע לקצה השני — טעותם של הטפשים, החוששים מהקמת בית חב"ד נוסף בקרבת מקום, מפני שלוקחים מהם את הזכות להניח תפילין ליהודי פלוני... או שעי"ז יגרע בכבודם כו', ועד"ז בשאר טעמים כיו"ב.

ועד כדי כך גדלה טפשותם — שלא זו בלבד שאינם מניחים לאחר לפתוח בית חב"ד נוסף, דבר זה הס מלהזכיר... אלא עוד זאת, שמגרשים אותו בכלל מעיר זו, בהיותו בעה"ב — לדעתו — על העיר והסביבה כולה!... תוך כדי רדיפות, וגרימת צער כו', שאין כאן המקום להאריך בזה.

במקרה כזה — עליהם לעשות תשובה, לפייסו וכו'. ואם עירבו בענין זה גם את בני ביתם, חייבים לפעול גם עליהם לעשות תשובה כו'.

ובנוגע לטענה הידועה מדברי אדמו"ר הזקן באגה"ק[67] ש"על הניזק כבר נגזר מן השמים" — הרי, מבואר שם שאין זה שייך למזיק, שלהיותו "בעל בחירה . . מתחייב בדיני אדם ובדיני שמים על רוע בחירתו", שמזה מובן, שענין זה תלוי בבחירתו, היינו, שבידו לבחור בטוב שלא להזיק לחבירו, ולא רק קודם המעשה, שבודאי אינו נביא או בן נביא לידע מה נגזר בשמים על פלוני, אלא אפילו לאחרי המעשה, שנתברר לכאורה ש"על הניזק כבר נגזר מן השמים" — הרי, בידו להקטין את הנזק, ע"י הפיוס כו', שאז יתברר שנגזר מן השמים שיוקטן הנזק כו' (כמדובר פעם בארוכה[68]).

שטיין לעבן איר בעט, נאר דאס ליגט אין "קיטשען", משא"כ ביינאכט, ווען די מיידעלע שלאפט, ליגט די נעגל-וואסער לעבן איר בעט, און דאס באווייזט אלעמען אז זי איז א אידישע מיידעלע.

ביז אז אפילו די גוי׳קע וואס איז משמשת אין שטוב זעט דאס אויך, ווען זי נעמט דאס צו אינדערפרי פון לעבן דער בעט, אדער זי לויפט דאס ברענגען ווען ס׳איז דארטן ניטא.

## אחש"פ תשכ"א

וע"ד ברכת התורה, וואס מען מאכט איהר פעם אחת ביום. איז דאך ניט דער פשט אז די רגע הראשונה וואס ער לערנט תורה איז מהוייב בברכת ההורה און די אנדערע רגעים זיינען ניט מהויב, איז דאך מובן, אז דער פשט איז ניט אזוי, נאר כל הרגעים וואס ער לערנט תורה זיינען מחויב בברכת התורה, נאר תנאי המצוה איז, אז ער מאכט די ברכה פעם אחת ביום, און דאס איז א פעולה נמשכת על כל היום כולו.

ובמילא, קען מען זיך ניט מסתפק זיין מיט איין מאל פראווען א מס"נ און גיין אין א תהלוכה, און דערמיט יוצא זיין יצי"מ, נאר בכל יום ויום, און אין יעדער טאג גופא בכל כ"ד שעות המעל"ע, דארף מען ארויסגיין פון אלע מצרים והגבלות.

די וואס קענען גיין אפטער, דארפן זיי גיין, די וואס קענען ארויספארען כמה פעמים בשנה מחוץ לעיר, דארפן ארויספארען, און די וואס קענען ארויספארען בקביעות אין א אנדער שטאט, קענען ניט יוצא זיין מיט קומען אהין לפרקים, און די וואס קענען ארויספארען מחוץ למדינה, דארפן זיי ארויספארען מחוץ למדינה, און די וואס קענען ארויספארען למדינה רחוקה קענען זיי ניט יוצא זיין מיט א מדינה קרובה.

און דאס איז ניט קיין ענין פון הידורים והדומה, נאר דאס איז מצות התורה, פון חייב אדם לראות עצמו אז ער איז יוצא מכל המצרים והגבלות, ולא בשמים היא, ווארום וויבאלד אז תורה הייסט עס, איז אזוי ווי אלע מצות, איז דער ציווי אליין א נתינת כח.

און ווי געזאגט פריער, אזדאס איז ניט קיין מצוה שהזמן גרמא, נאר למען תזכור גו׳ כל ימי חייך, וואס דורך דעם ווערט

הנחה בלתי מוגה

---

- 165 -

דער להביא ימות המשיח, וכהפירוש דאיתא בספרים, להביא - אז דאס ברייננגט אריין, אין ימות המשיח.





## תצוה תשמ"א

כט. די הוראה מכ"ז:

מען דארף בא זיך מגלה זיין דער עצם שבו, ועד"ז פועל זיין אויך אויפן גלות, צו אויך ביי אים מגלה זיין זיין עצם,

וואס דערצו פאדערט זיך אז ער זאל פריער מגלה זיין דער עצם בא זיך; אבער וויבאלד אז דאס נעמט א ריבוי זמן, און אט אט קומט משיח - במילא זאל ער זיך פארלאזן אויף ענינים נעלים, און ענינים פון הבנה והשגה, אויף כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, וואס ביי אים זיינען דאך דא די ענינים, און וויבאלד אז ער פארבינדט זיך מיטן שליחות פון כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו - נעמט ער אויך פון דעם וואס דער משלח האט,

וואס דיר דארף מען אויף דיינע הענט, און דיינע פיס, און דיין כח הדיבור שבפה, אז דו זאלסט גיין טאן מיט א צוויליטן אידן -

און די ענינים נעלים - זיי זיינען דא בא דעם משלח.

וואס דער סדר איז אז לכל לראש פאדערט זיך נעשה, און דערנאך ערשט נשמע.

וואס בשעת מ׳טוט עס מיט אט דעם סדר, אז פריער איז דא דער נעשה - קומט מען דערנאך צו דער נשמע; בשעת אבער מען הויבט אן פון נשמע - קען מען ניט וויסן צי מ׳וועט צוקומען צו דעם נעשה,

## פנחס תשל"ז

ד.ה. אז דער רבי מאנט ביי זיינע שלוחים אז ס׳דארף זיין דער ענין פון מעשה בפועל דוקא, ער זאל ארויסגיין אין וועלט און מברר זיין די ניצוצות הקדושה וועלכע געפינען זיך דארטן. ועד"ז בנוגע לגופו וחלקו בעולם, אז ס׳דארף זיין דער ענין פון מעשה בפועל דוקא (וואס דאס איז דער ענין פון "יצחק" בגימט׳ "פינחס").

אמאליקע צייטן ווען ס׳זיינען געווען די ראשונים וואס לבם כפתחו של אולם (עירובין נג, א) - האט מען געקענט מאנען סיי דעם ענין פון "נעשה" און סיי דעם ענין פון "נשמע", אבער איצטער איז דאך "לאו כל מוחא סביל דא", צו טאן סיי אין דעם ענין פון "נעשה" און סיי אין דעם ענין פון "נשמע",

און אפי׳ אויב מ׳וועט זאגן אז בעיקר דארף מען טאן אין דעם ענין פון "נעשה", און ווען ס׳איז דא נאך צייט זאל מען טאן אין דעם ענין פון "נשמע" - קען דערפון ווערן א בלבול אין זיין עבודה, עכ"פ ביי א טייל פון די שלוחים, ועכ"פ ביי א טייל פון זייער עבודה - וואס דערפאר זאגט מען אז די עבודה דארף זיין נאר אין דעם ענין פון "נעשה".

## מקץ תשמ"ז

אין דעם אליין באשטייט שוין א שליחות: נאך איידער מ'רעדט מיט יעֿנעם וועגן ווערן א „נר להאיר" אפילו בביתו (עאכו"כ — „על פתח ביתו מבחוץ"), נאך איידער מ'רעדט מיט עם וועגן עפעס וואס פארבונדן מיט תורה און אידישקייט — דער עצם זאך וואס מ'טרעפט זיך מיט דעם אידן, און מ'זאגט אים „גוט שבת", אדער „גוט מארגן" (בימי החול), אדער מ'זאגט אים הער זיך איין — דו ביסט א איד און איך בין א איד, לאמיר זיך צונויפרעדן, וכיו"ב — אט דאס אליין ברענגט ארויס די שייכות ביניהם, און דאס אליין מאכט פון יענעם א „מנורה" (א „כלי"), און אין דעם ליגט א כוונה עיקרית, וואס דערלאנגט גאר טיף!

## ויקרא - זכור תשמ"א

בעמיינט אז מ'וואלט עס פארשטאנען בפשטות פון זיך אליין, וויבאלד אבער אז איך זע אז עס פעלט די באווארעניש – איז כאן המקום דאס צו באווארענען:

בשעת מ'זאגט "נרות להאיר", איז דער פשט – אז מ'דארף לייכטן מיט דעם ענין <u>האור</u> שבו:

א נר האט אין זיך אויך א כמות – וועט ער אוועקלייגן דעם כובד הנר און דאס וועט מכריע זיין דעם כובד האבן!

זאגט מען אים, אז ער דארף באלייכטן ניט מיט דעם, נאר – מיט דעם <u>אור</u> הנר, מיט דעם אור פון פנימיות התורה.

סה. ובאותיות פשוטות: עס קען זיין א הנהגה אין אן אופן אז ער קומט אין אן ארט, און וויבאלד אז ער האט געלט, און ער האט כח – האט ער א דיעה, במילא זאגט ער אז מ'זאל מקיים זיין תורה ומצות.

ער ווייזט אז ער איז א "קנאקער", און א מבין אין עניני העולם, ער האט א גוטן מויל, איז נאכן אפזאגן אט די ענינים – פירט ער אויס, אז אשר לכן דארף מען מקיים זיין תורה ומצוות, ועד"ז אין אנדערע אופנים שעד"ז.

איז א וועג איז דאס, און מ'דארף זען בכל מיני אופנים אז א איד זאל מקיים זיין תו"מ, ואדרבה – "מי יודע אם לעת כזאת הגעת גו'"[122], עס קען טאקע זיין אז דערפאר האט ער די





## שלח תש"מ

מז. ועד"ז בנוגע צו א קליין אידישע מיידעלע:

איינער וואס דער אויבערשטער האט אים געבענטשט מיט זיבן טעכטער, האט בא מיר געפרעגט: מ'מאנט דאך ביי א איד, און ביי א אידיש-קינד, אז ביי אים זאל זיין ניכר אז ער איז א איד אויך בשינתו, ווי דער רמב"ם[126] זאגט – איז מילא בנוגע צו א אידישן אינגעלע איז פארשטאנדיק ווי ביי אים איז ניכר אז ער איז א איד אויך בשינתו – ווארום ער שלאפט מיט א יארמולקע;

ווי איז דאס אבער ניכר ביי א אידישע מיידעלע?

דאס וואס זי לייענט ק"ש פארן גיין שלאפן – איז ניט ניכר בגשמיות, עכ"פ בחיצוניות, בשעת זי שלאפט.

און וויבאלד אז דער רמב"ם איז דער "מורה הנבוכים" און "רופא הנפשות" פון אידן, ביז אז ער האט געהאט ויכוחים און מלחמה געהאט (דורך אגרות) מיט אידן בדורו –

איז דאך דאס וואס ער שרייבט אז א איד דארף זיין ניכר אויך בשינתו – זיכער שייך צו יעדער אידן, כולל אויך צו א קליינע אידישע מיידעלע – איז וואו זעט מען אז זי איז א אידישע מיידעלע בשעת זי שלאפט?

איז פונקט א טאג פאר דערויף וואס יענער האט דאס בא מיר געפרעגט – האב איך אריינגעקוקט אין א קליינעס "של"ה" ביכעל, וואס דארטן איז געווען א ציור ווי א קליין אידיש קינדליגס אין בעט און לעבן דער בעט (אויף א שולחן וכיו"ב) שטייט נעגל-וואסער.

דאס איז דאך זיכער געווען בהשגחה פרטית אז איך האב געזעהן דעם ציור א טאג פאר דעם וואס יענער האט בא מיר געפרעגט די שאלה – האב איך גלייך געהאט וואס צו ענטפערן אים:

ביי א קליינע אידישע מיידעלע איז ניכר אז זי איז א אידישע מיידעלע בשעת זי שלאפט – דורך דעם וואס מ'זעט לעבן איר בעט (בשעת זי שלאפט), אויף א קליינעם שלחן וכיו"ב, א קווארט מיט נעגל-וואסער.

## האזינו תשל"ה

ס'איז פאראן אין דעם באך אן ענין, וואס דער גמרא זאגט אז בזכות הדלקת נר שבת, וואס דאס איז "נר מצוה", איז מען זוכה צו "תורה אור" - צו בנים תלמידי חכמים און צו חתנים תלמידי חכמים, וואס אמאל איז געווען דער סדר ביי א שידוך, אז דער מוטער פלעגט אויסקלייבן, און דער טאטעטער האט זיך סומך געווען בעיקר אויף איר, ס'האט געדארפט טאקע זיין "נשאלה את פיה" אבער איהר החלטה האט זיך מסתמך געווען בעיקר אויף אירע עלטער'ן, משא"כ איצטער, וואס ס'איז דא ענינים חדשים שלא שיערום אבותיכם, אז דער טאטעטער זאגט אז די מאמע קען ניט קובע זיין, ווייל דאס איז <u>איהר</u> לעבן, און זי דארף זיך מסתדר זיין דערנאך, און דער מאמע איז ניט מכריעה, נאר דער טאטעטער איז אליין קובע, וואס דאס איז וואס עס שטייט "בת קמה באמה" [וואס ס'איז פאראן אמאל אן ענין פון "בת קמה באמה" לטובה, אז דער מאמע טענה'ט אז מ'דארף האבען פרנסה, מ'דארף גיין אין "קאלעדז", און דער טאטעטער זאגט, ניין, מ'דארף גיין אין כולל, איי וואס וועט זיין מיט פרנסה, זי וועט צוהעלפן, דער אויבערשטער וועט צוהעלפן, ש"כדאי הוא לסמוך עליו בשעת הדחק", און ניט נאר בשעת הדחק נאר אפי' בשעת "הרחבה", ווארום ער וועט זיכער געבן "מידו המלאה הפתוחה" וכו'] וואס די טעכטער פאלגן ניט די עלטערן, [וואס אפי' די עלטערן ווייסן אויך ניט ווי אזוי צו מחנך זיין, וואס צוליב דארף מען מאכן א בי"ס], און ווען ס'קומט צו א שידוך איז די טאכטער אליין קובע, און דאס איז אויך אזוי אין אסאך שטיבער פון אידן שומרי תורה ומצוה, ס'איז ניט קיין נפק"מ צי דאס איז גרוס אדער גלייך, די מציאות איז אזוי עכ"פ, און דערפאר, אמאל איז געווען געגוג אז דער מאמע זאל צינדען ליכט, ווייל זי האט געהאט די זכות צו מכריעה זיין און קובע זיין וכו', משא"כ איצטער וואס דער טאכטער איז אליין קובע, יעמאלט דארף זי אליין אנצינדן נרות שבת קודש, כדי אז זי זאל האבען דער זכות אז ס'וועט קומען די צייט, וועט זי נתרצה ווערן און זוכה זיין צו האבען א מאן וואס ער איז א תלמיד חכם, און דאס וואס די מאמע צינט העלפט ניט, ווייל דער טאכטער אליין איז דער קובעת וכו', דערפאר דארף ביי איר אליין זיין "נר מצוה" (נרות שבת קודש) וועט זי זוכה זיין צו "תורה אור" (בעל הי"ח).

וואס מ'ווייס דאך ניט וואס וועט זיין אין צען יאר ארום וכו' בשעת עס וועט קומען די צייט פון נישואין, און מ'ווייסט ניט מה יולד יום, און ווי מ'זעט אז אויב מ'קומט צו איינעם און מ'זאגט אים אז ער זאל אריינלייגען געלט וכו' אין א מסחר וואס וועט זיך ערשט מאכען אין צען יאר, וועט ער זיך אפזאגען פון דעם, ווארום מ'קען ניט וויסען ווי עס וועט יעמאלט אויסזעהן דער מצב.

וואס דאס איז אפילו בנוגע צו ענינים גשמיים, ועאכו"כ בנוגע צו ענינים רוחניים איז זיכער ניט שייך צו זאגען אז וויבאלד אז די טאכטער פאלגט זיך איצטער וכו' וועט זי אויך פאלגען בשעת עס וועט קומען זמן הנישואין.

און דעריבער דארף מען זען אז אפילו בנות פאר די נישואין זאלען צינדען ליכט, און ביז משהגיעו לחנוך, און ווי מ'זעט דעם מנהג ישראל, אז בשעת עס ווערט געבארען א בת מאכט מען א מי שברך אין דעם יום הקריאה הסמוך, וואס דאס קען זיין לכל היותר דריי טעג נאך די הולדה, ווען די בת איז אלט נאר דריי טעג, און ביי דעם מי שברך זאגט מען (אין ליובאוויטש זאגט מען יגדלה <u>לתורה</u> חופה ומע"ט, אבער עכ"פ די וועלט זאגט) יגדלה לחופה ולמע"ט.





אלע ענינים, בכדי ער זאל קענען דאס אויסנוצן אויף הפצה המעינות חוצה און משפיע זיין בנוגע צו תומ"צ, און ווען ער נוצט עס אויס אויף דעם - איז עס טאקע א גוטע זאך -

אבער ניט דאס איז דער אויפטו פון איינעם וואס האט געלערנט אין תו"ח; דער אויפטו פון איינעם וואס האט געלערנט אין תו"ח איז - אז ער זאל מאיר זיין מיט <u>אור</u>: ער זאל חזר'ן א מאמר חסידות; אז ער סוס מיט יענעם בנוגע צו תומ"צ - דארף ער אים זאגן א מאמר חסידות.

ער דארף טאקע אויסנוצן <u>אלע</u> רמ"ח איברים און <u>אלע</u> שס"ה גידים און סאך בכל מיני אופנים אויף מקרב זיין אידן צו תומ"צ; וויבאלד אבער אז זיין עיקר ענין, די שליחות מיוחדת פאר די וואס זיינען שייך צו תו"ח, איז - "נרות להאיר" - דארף ער מאיר זיין יענעם מיט זיין "אור": חזר'ן יענעם א מאמר חסידות, אדער אויב ער איז נאך ניט שייך - איז אן אות, א פרק (צוויי פרקים), אדער עטלעכע שורות,

און אויב ער האט א ספק אין דעם ענין - איז דאס אלץ לחומרא, זאל ער גיסן און גיסן. וואס דעמולט איז זיכער אז עכ"פ א ביסל וועט ער פועל'ן.

סו. עד"ז איז דא נאך אן ענין בדומה לזה:

בשעת מ'גייט ארוים סאך אין די מבצעים, איז וויבאלד אז מיט יענעם דארף מען רעדן אויף ענגליש, ווארום יענער פארשטייט (נאך) ניט אויף קיין אנדער שפראך, וועט ער אויף יענעם ניט פועל'ן אויב ער וועט ניט רעדן קיין ענגליש, איז וויבאלד מ'רעדט מיט אים אויף ענגליש - רעדט מען מיט אים ענגלישע ענינים!

וואס אויב אויף אים מקרב זיין דארף מען מיט אים רעדן ענגלישע ענינים - זאל מען מיט אים רעדן ענגלישע ענינים - אבער עס דארף זיין דער ענין פון "נרות להאיר", פועל'ן אויף יענעם מיט <u>אור</u>:

מ'דארף יענעם זאגן א מאמר חסידות, טאקע אויף "שבעים לשון", איבערגעזעצט אויף ענגליש, אבער ענינים פון חסידות, א ווארט, א מאמר חסידות וכיו"ב, פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, איבערגעזעצט אין אן אופן וואס איז שייך צו זיי.

[ו]וואס כ"ז איז ווי ס'איז געווען בא יהושע (וואס דער טאג פון ח' אדר האט א שייכות צו אים, כנ"ל), אז ער איז

געווען "כפני לבנה", זיין אופן פעולה בעולם איז געווען "כפני לבנה", וואס ענינה איז – מאיר זיין אור.

וואס מ'קען אויף דערויף נוצן מאמרים פון כ"ק מו"ח אדמו"ר, וואס עס זיינען דא מאמרים וועלכע ער האט געזאגט אין א סגנון פון א שיחה, בכדי אז עס זאל זיין צוגענגלעך צו לערנען,

און ער האט אויך געטאן אין דעם ענין פון הפצת החסידות, און אין איבערזעצן חסידות אין כמה שפראכן,

און אויך זיינע שיחות, אנהויבנדיק פון דער שיחה הנ"ל פון ט' אדר.

## תצוה זכור - תשמ"ז

**כא.** **ומזה באים לענין נוסף — גודל הזהירות בהנהגתו של כאו"א, מכיון שאין זה ענינו הפרטי בלבד, כי אם, ענין שבו מתבטאת פעולתו של משה רבינו שבדור, נשיא הדור.**

**ובהקדמה:**

**איתא במשנה[135]: "מה בין תלמידיו של אברהם אבינו כו'", היינו, שכאשר רואים את הנהגתם של התלמידים, אזי רואים ומכירים מיהו הרב שלימדם וחינכם, שכן, הנהגתם מוכיחה שהם ראויים לתואר ד"תלמידיו של אברהם אבינו".**

**ומזה מובן גם בנוגע לענינינו — תלמידיו של כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו:**

**כל מי שנקרא בשם "חסיד ליובאוויטש" — יהודי בעל־שיבה, אברך צעיר, עד לילדה קטנה — הרי, אופן הנהגתו אינו ענין פרטי שלו, כי אם, ענין שנוגע ל"ליובאוויטש", דמכיון שמסתכלים עליו (לא בתור איש פרטי, כי אם) בתור "חסיד ליובאוויטש", נמצא, שהנהגה בלתי־רצוי' מצדו מהוה חילול שם ליובאוויטש, שמו של האדמו"ר מליובאוויטש, כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, מכיון שאומרים שזהו תלמידו של ה"ליובאוויטשער רבי"!**





איז דאך במכ"ש וק"ו אז ס'איז כדאי באווארענען אן ענין אין בריאות הנשמה וואס דארטן איז א ספק פון 5%, און דארטן באשטייט דער באווארעניש נים פון א כאב און שרייען וכו' – דער גאנצער באווארעניש באשטייט נאר פון דעם אז מ'זאל ארייבלייגן דעם קינד אין א מוסד חינוך הכשר, און נאכמער – על טהרת הקודש, און ס'איז א זאך וואס איז נוגע לכל ימי חייו (נים נאר אויף עטלעכע וואכן) – איז א זיכערע זאך אז מ'דארף דאס טאן!

ביז אז מ'באווארנט דאס אין אן אופן אז ס'איז מלכתחילה "לא אשים עליך"[195]: "כל המחלה"[195] וואס מ'דארף אויסהיילן – איז שייך צו מצרים, נים צו אידן; בא אידן איז מלכתחילה "לא אשים עליך" מחלה, דורך דעם וואס זיי האלטן אן אין תורה.

## שמיני תשל"א

און מ'האט גערעדט ווי מ'דארף עם אויסטייטשן די פשוט'ע פירוש המלות פון די ברכה: "ברוך" איז דער טייטש ברכה והמשכה, אז מען איז ממשיך אלקות דא למטה אין די וואסר, וואס דאס איז דער פירוש הפשוט פון "ברוך"; "אתה": אז דער אויבערשטער געפינט זיך דא – נים ווי די פילוסופים הגדולים פון אוה"ע וואס זאגן אז "רם על כל גוים הוי'", נאר מ'זאגט "אתה" בלשון נוכח, אז דער אויבערשטער געפינט זיך דא אנטקעגן עם; "הוי'": אז ער איז הי' הוה ויהי' כאחד און איז מהוה כל הבריאה; "אלקינו": אז ער איז דער איינציקער כח און חיוה וואס מ'האט, און דאס איז א ממוצע ער זאל ווערן "מלך העולם", פון דער גאנצער וועלט; און נאך דעם וואס מ'איז מסביר דעם קינד אט דעם ענין, דעמאלט ווערט ביי עם דער טרונק וואסר א טפל לגבי די ברכה, אבער א טפל וואס ברייגגט צו תכלית העילוי.

דא זעט מען ווי מ'גיט א קליין קינד ענינים עיקרים, אין חסידות, קבלה, אלץ דעם פשט'ן אפטייטש פון א ברכה, און אז דער קינד וויים נים פון דעם איז ער נים שולדיק, ער איז נאך א קינד, אבער זיין טאטע אדער די מאמע, אדער זיין רבי צי מחנך, דארפן עם מסביר זיין די פשוט'ע פירוש המלות, דעם פשוט'ן אפטייטש פון א ברכה, און מצד הרגילות זעט מען דאך אז מען טועלט זיך גאר נים אפ אויף דעם; בשעת עס קומט צו ברכת החמה איין מאל אין אכט און צוואנציק יאר, דעמאלט שטייט מען אויף פאר טאג, און מ'זאגט קאפיטל'ך תהלים מיט יהי רצון'ס, מיט א גאנצן פאראד, און בשעת מ'מאכט א פשוט'ע ברכה אויף א טרונק וואסר וואס אין דעם ליג'ן דאך די העכסטע ענינים, איז מען נים משים לב לזה.

וואס איז נוגע לכל ימי חייו (ניט נאר אויף עטלעכע וואכן) – איז א זיכערע זאך אז מ׳דארף דאס טאן!

ביז אז מ׳באווארנט דאס אין אן אופן אז ס׳איז מלכתחילה "לא אשים עליך"[195]: "כל המחלה"[195] וואס מ׳דארף אויסהיילן – איז שייך צו מצרים, ניט צו אידן; בא אידן איז מלכתחילה "לא אשים עליך" מחלה, דורך דעם וואס זיי האלטן אן אין תורה.

### שופטים תשמ"א

לו. ולא כדעת די עלטערן וואס דיינען טפשים און זיי פארשטייען ניט אז אזוי ווי מ׳דארף צושטעלן די קינדער אלעס בעסטע אין גשמיות, כנ"ל אז די טבע פון עלטערן איז אז זיי ווילן זייערע קינדער זאלן האבן אלעס בעסטע – נאר מ׳דארף אויך צושטעלן און באזארגן די קינדער מיט אלעס בעסטע אין רוחניות; פונקט ווי מ׳דארף באווארענען בריאות הגוף, אזוי אויך דארף מען באווארענען בריאות הנשמה.

איינער איז אמאל געווען בא מיר און מ׳האט גערעדט וועגן אן ענין פון יראת שמים. האט ער מיר געזאגט, אז ע"פ סטאטיסטיקע שאט א חינוך בלתי טוב נאר 5% פון קינדער

האב איך ביי אים געפרעגט צי ער האט גענומען זיינע קינדער צו באקומען אן איינשפריצונג קעגן פאקן און קעגן מאזלען וכו׳. האט ער מיר געזאגט – זיכער, מ׳איז דאך א טאטע און א מאמע, האט מען זיכער גענומען די קינדער אויף באקומען דעם איינשפריצונג!

– איז כדאי דער קראצן און די רויטקייט און כאב קל וואס מ׳באקומט בשעת מ׳מאכט די איינשפריצונג.

האט ער מיר געזאגט, במה נחשב הוא די אלע זאכן לגבי דעם וואס קען ארויסקומען בספק הכי גדול אויב מ׳וועט ניט מאכן די איינשפריצונג.

האב איך אים געזאגט, מה-דאך אז צוליב א ספק פון 4% איז כדאי דער קראצן און רויטקייט און כאב, און דערצו שרייט נאך דער קינד, און עס קען נאך זיין א ווארעמקייט – אבי באווארענען פון דעם ענין היפך הבריאות, אע"פ וואס דאס איז ניט קיין סכנת נפשות, דאס איז נאר אן אומבאקוועמלעכקייט פאר א פאר וואכן –





ובפרטיות יותר:

ידוע ומפורסם לכל באי העולם, גם אינם־יהודים, שכל יסוד קיומה של קהילת ליובאוויטש בארצה״ב קשורה עם בואו של כ״ק מו״ח אדמו״ר נשיא דורנו. — אמנם, גם לפני בואו היו כאן חסידי ליובאוויטש, אבל, רק מתי־מספר, ועאכו״כ לא בתור קהילה שלימה, וכו׳ וכו׳, כפי שנתחדש עם בואו של כ״ק מו״ח אדמו״ר לארצה״ב.

ופשיטא, שהחלטתו לבוא למדינה זו, ולבנות בה את קהילת ליובאוויטש — לאחרי שידע ע״ד הקשיים והנסיונות כו׳ המיוחדים למדינה זו — היתה על סמך אמונתו ובטחונו שגם במדינה זו יצליח לחנך ולהדריך את תלמידיו, ולהעמיד תלמידים ותלמידי תלמידים וכו׳, ברוחה של ליובאוויטש, שיעסקו בהפצת התורה והיהדות, עד להפצת המעיינות חוצה, בכל מקום ומקום, בכל קצוי תבל.

ומכיון שכן, הרי, כאשר מישהו, אפילו אינו־יהודי, רואה חסיד ליובאוויטש שמתנהג באופן שאינו הגון בענינים שבין אדם לחבירו — הרי, כל התירוצים למיניהם, כמו, שאין זה אלא גזל ומרמה של עכו״ם, וכיו״ב, לא יועילו לבטל את "חילול שם ליובאוויטש" בעיניו של אינו־יהודי, שכן, בנוגע לחילול השם אין כל נפק״מ חשבונו של פלוני שעשה את הדבר בהיתר וכו׳, כל מה שנוגע אינו אלא מה יאמרו הרואים, ובנדו״ד, שאומרים שכך מתנהג תלמידו של ה"ליובאוויטשער רבי"!...

וזהו גם המענה לאלה השואלים: מה תובעים מהם כל כך ולא נותנים להם מנוח כו׳ — הרי כבר למדו תורה, עסקו בעבודת התפלה, ונתנו צדקה, ולא עוד, אלא שנתנו בערב שבת "כפלים" ("לחם משנה"[136]) גם עבור יום השבת, וא״כ, טוענים הם, מה עוד רוצים מהם?!... ובפרט ביום השבת, ממשיכים לטעון, שצריך להיות ענין של מנוחה, "כל[137] מלאכתך עשוי"!...

הנה המענה לזה — ע״פ האמור לעיל:

המדובר כאן אינו אודות ענין פרטי שלך, "מלאכתך", כי אם, אודות ענין שנוגע **לכלל**, מלאכתו של נשיא הדור, "הנשיא הוא הכל"[138], ומכיון שכן, אינו

יכול לפטור את עצמו בכל מיני טענות ומענות, כולל עי"ז שיאמר לבני־ביתו, ידידיו ומכיריו כו', שהנהגתו אינה שייכת אליהם, ואין להם ללמוד ממנו, בתוספת ה"הסברה" ש"אין שליח לדבר עבירה"[139], וכו' וכו' — שהרי אין זה ענין פרטי שלו, כי אם, ענין שנוגע ושייך לנשיא הדור!

## י"ג סיון תשל"ח

צווישן די צוויי קצוות) - דארף זיין "הוו מתונים בדין": מ'דארף זיך ארייננלייגן אין דערויף מיט דער גאנצער נשמה, און אפשאצן די נשמה פון דעם קינד וועלכן דער אויבערשטער האט אנפארטרויט זיין ערציאונג צום מדריך און מדריכה.

און בשעת אז מ'באשליסט ביי זיך פירן זיך אין אן אופן פון "מתונים בדין", אז מ'זשאלעוועט ניט קיין צייט, און קיין "אטענשן", און צוגעטראגנקייט פון דער נשמה און פון דער הארץ, אויף צו ארייננטראכטן זיך אין די געפילן און אין דעם כאראקטער און אין דער נשמה פון דעם קינד (איידער מ'באשליסט ווי אזוי צו פירן זיך מיט אים) - האט מען די הבטחה אז "יגעת ומצאת", אז מ'וועט געפינען די ריכטיקע וועג ווי אזוי צו פירן זיך מיטן קינד, וואס דאס וועט ברענגען די ריכטיקע הצלחה אין דער ערציאונג פון דעם קינד.

אין דערויף איז דא נאך א נקודה:

אויך נאך דערויף וואס מ'האט שוין באשלאסן (נאך די טיפע ארייננטראכטונג) ווי אזוי צו פירן זיך מיטן קינד - איז ניט דער טייטש אז דאס מוז אזוי בלייבן און מ'טאר דאס ניט ענדערן, נאר אויך שפעטער דארף מען זיין "מתונים בדין":

נאך דערויף וואס ס'גייט דורך א שטיקל צייט - דארף מען זיך נאכאמאל ארייננטראכטן וואס זיינען געווען די תוצאות (רעזולטאטן) פון דעם פירן זיך מיטן קינד אין דער וועג וואס מ'האט זיך געפירט אין די ערשטע צייט פון דער ערציאונג,

ח. די ערשטע הוראה איז "הוו מתונים בדין":

בשעה מ'באקומט א קינד וועלכן מ'דארף אים מדריך זיין און מחנך זיין - טאר מען זיך ניט פארלאזן אויפן ערשטן בליק, און באשליסן גלייך אין וואס פאר אן אופן מ'דארף זיך פירן מיט אים,





- אויב אויפן ערשטן בליק זעט אויס אז ער איז ניט קיין גוטער קינד, איז מען גלייך מחליט אז כ'דארף זיך פירן מיט אים ביד קשה, מיט א שטארקע האנט א.ז.וו. און אויב אויפן ערשטן בליק זעט אויס אז ער איז א גוטער קינד, זאל מען זיך מער ניט ארייננטראכטן אין דעם און גלייך באשליסן אז מ'קען אים אלץ נאכגעבן, ווארום כ'קען זיך פארלאזן אויף זיין כאראקטער און אויף זיין אייגענעם שכל -

זאגט די משנה אז די העכסטע וויכטיקייט און ערנסטקייט וואס איז דא אין ערציאונג איז - אז איידער כ'באשליסט ווי אזוי מ'זאל זיך פירן מיט דעם קינד, און וואס פאר א "סקעדזשול" (סדר היום) כ'זאל פאר אים איינשטעלן, און ווי אזוי זאל זיין די אלגעמיינע באציאונג צום קינד (צו זייער שטרייגג. אדער איינגאנצן נאכגיביק, אדער אין דרך הממוצע.

האב איך ביי אים געפרעגט צי ער ווייסט די סטאטיסטיקע וויפל פראצענט פון קינדער וועלכע באקומען ניט די איינשפריצונג כאפן דעם קרענק ר"ל? האט ער צופעליג בעוואוסט וויפל - אז ווייניקער ווי 5%, 4% אדער 3% פון די קינדער וואס האבן ניט באקומען דעם איינשפריצונג באקומען דאס.

קומט אויס, אז צוליב א ספק פון 4%, ובפרט נאך במדינות אלו וואס דער גאנצער ענין איז א דבר בלתי רגיל - איז כדאי דער קדאצן און די רויטקייט און כאב קל וואס מ'באקומט בשעת מ'מאכט די איינשפריצונג.

האט ער מיר געזאגט, במה נחשב הוא די אלע זאכן לגבי דעם וואס קען ארויסקומען בספק הכי גדול אויב מ'וועט ניט מאכן די איינשפריצונג.

האב איך אים געזאגט, מה-דאך אז צוליב א ספק פון 4% איז כדאי דער קראצן און רויטקייט און כאב, און דערצו שרייט נאך דער קינד, און עס קען נאך זיין א ווארעמקייט - אבי באווארענען פון דעם ענין היפך הבריאות, אע"פ וואס דאס איז ניט קיין סכנת נפשות, דאס איז נאר אן אומבאקוועמלעכקייט פאר א פאר וואכן -

איז דאך במכ"ש וק"ו אז ס'איז כדאי באווארענען אן ענין אין בריאות הנשמה וואס דארטן איז א ספק פון 5%, און דארטן באשטייט דער באווארעניש ניט פון א כאב און שרייען וכו' — דער גאנצער באווארעניש באשטייט נאר פון דעם אז מ'זאל ארייננלייגן דעם קינד אין א מוסד חינוך הכשר, און נאכמער - על טהרת הקודש, און ס'איז א זאך